# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

גליון מ"ב - פרשת בהר - בחוקותי תש"פ


## פרשת בהר - שמיטה און יובל אין יעדן שבת

### ווי קענען מיר היינט מקיים זיין שמיטה און יובל?

אנהויב אונזער פרשה איז דא די גאנצע סוגיה פון שמיטה מיט יובל, א איד וואס האט א פעלד רופט אויס מיט די פעלד אז ער איז נישט בעל-הבית. 'ושבתה הארץ שבת לה''. א מענטש וואס האט עבדים, און ס'קומט יובל, גייען צוריק זיינע קרקעות. וואס איז דער געדאנק פון דעם, און צו אונז היינט, אונז האבן נישט קיין פעלד, אונז האבן נישט יובל. - א מענטש וואס וואוינט אין חו"ל האט ער אפילו נישט קיין מצוות התלויות בארץ. ווי קען ער אויכעט מקיים זיין די מטרה פון די תורה און זיך צוטשעפען צום באשעפער מיט דעם געדאנק פון שמיטה ויובל.

### שבת קודש - א געלעגנהייט צו מקיים זיין שמיטה און יובל

די ערשטע זאך, יעדן וואך, היט מען שבת. דער שבת איז שבת לה'. פשוט. וואס איז דער געדאנק? א פשוט'ע זאך, מ'רופט אויס אז די בריאה איז נישט תלוי אין אונז, ס'תלוי במי שאמר והיה העולם. דאס איז פשוט ווי אזוי אונז קענען אויכעט פראווען דעם שמיטה מיטן יובל יעדן וואך.

אבער צו עס פארשטיין געשמאק, און צו עס אריינשיינען אין אונזער לעבן ווי אזוי אונז קענען לעבן די נקודה פון שמיטה ויובל.

איז קודם בדרך מליצה קען מען זאגן, אז יובל איז א לשון פון א שופר, און טאקע 'יובל היא' - לויט ווי רש"י עכ"פ גייט צו צו דעם איז דער לשון פון דעם שופר. איז איינס טאקע א שבת, ווען די בריאה גייט צוריק צום אויבערשטן איז אויכעט דא שש שקיעות אין די משנה, ס'דא עפעס א מושג פון א שופר. אבער ס'איז נאר א אסמכתא בעלמא.

### שבת און יובל א צייט פון עליית העולמות לשורשם

און כדי יעדער איד זאל קענען זיך באמת צו טשעפען צו די נקודה וועט מען אריינגיין צו דעם רמב"ן וואס ער לערנט די ווארט 'יובל' איז א לשון ס'טראגט אונטער. וואס הייסט - אזוי ווי ס'דא עפעס א פסוק "ועל יובל ישלח שרשיו" (ירמיה יז ח) אז די נחלים גייען צוריק צו זייער שורש אזוי ווי "כל הנחלים הולכים אל הים", א נחל שלעפט צוריק צום שורש, צום ים. יובל איז דער לשון אזוי ווי מ'רופט עס ביי אונז 'הובלות' - ער טראגט פון איין פלאץ צום צווייטן, ער ברענגט, ער פירט אריבער. יובל איז א לשון פון אריבערפירן. אנברענגען צו די זאך. פירט עס. פרעגט זיך א שאלה צו וואו פירט יובל, איז פשוט קען מען זעהן אז ער פירט צוריק ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו, ס'ברענגט צוריק.

אבער ס'איז אסאך אסאך אסאך אסאך טיפער. ס'ברענגט צוריק צום שורש. אין חסידי'שע ספרים ווערט מבואר אז שבת ווערט אנגערופן על פי פנימיות - עליית העולמות. וואס הייסט, עולמות ווערט נישט א עלעוועטער וואס דורך איר ס'גייט ארויף די עולמות, ס'גייט אראפ די עולמות, נישט דאס הייסט עליית העולמות. עליית העולמות הייסט אז ימי המעשה דארף א מענטש מתקן זיין ניצוצות. ווען ער עסט, איז דא א שווערע עבודת אכילה, צו מ'וועט עס רופן כוונות, מ'דארף מכוון זיין. צו די פשוט'ע כוונה וואס איז על פי נגלה, איז פשוט, וואס ער עסט זאל ער אינזינען האבן ער זאל האבן כח צו דינען דעם אויבערשטן. ער דארף האבן א כוונה, עפעס א לשמה וואס זאל צוטשעפען די מעשה האכילה צום באשעפער. לעומת זה איז מבואר, אז שבת דארף מען בכלל נישט האבן קיין כוונות האכילה. - פארוואס, ווייל ס'איז נישטא בירור הניצוצות. בירור הניצוצין, צו פארשטיין פשוט פשט נישט אריינגיין אין שבירת הכלים מיט ניצוצות. ניצוץ הייסט א פונק, א פונק פון פייער איז א זאך וואס ס'איז נישט קיין טאפעדיגע זאך, מ'זעהט ס'שיינט, מ'זעהט ס'ברענט, מ'קען עס נישט אנרירן אזוי ווי פייער און נאך מער ס'פארלעשט זיך אין א סקונדע, אזוי גייט א ניצוץ.

אין יעדער זאך, אין יעדער פרי איז דא ניצוצות קדושות פון כביכול הקב"ה וואס איז דא אין דעם. די פונקען, די קלייניקייטן, די זאכן דארף מען מעלה זיין, און מיט אונזער גוטע מחשבה בשעת האכילה איז מען מעלה די ניצוצות. ס'איז א גרויסע עבודת אכילה וואס לפי פנימיות איז דאס קען אמאל זיין א גרעסערע עבודה פון אסאך מצוות און מעשים טובים.

שבת, וויבאלד ס'איז עליית העולמות, ס'נישטא קיין ניצוצות, וואס הייסט, ס'איז עולם התיקון במידה מסוימת, איז נישטא קיין חלק הקליפות, ס'איז נישטא די גאנצע זאך אזוי ווי מ'רופט עס דארטן אין די ספרים אז בורר איז אסור שבת, ווייל תיקון הניצוצות איז מען מברר פסולת מתוך אוכל. שבת טאר מען נישט מברר זיין פסולת מתוך אוכל, ס'נישטא אזא עבודה פון מברר זיין פסולת מתוך אוכל.

ווי ס'ווערט נאך אנגערופן אז ס'איז חוזר לשורשו. צו פארשטיין פשוט פשט חוזר לשורשו, איז אזוי ווי ווען איינער האט א טלפון און ער זעהט די בטרי' גייט אויס שטעקט ער עס איין, באקומט עס די אנרגי', ס'באקומט כוחות זאל לעבן ווייטער. שבת איז עליית העולמות, מ'גייט ארויף צום שורש, ממילא ווי ס'מבואר ביי אוה"ח הקדוש אלעס די קומענדיגע וואך לעבט פון דעם שבת, וואס הייסט? דער שבת גיט דעם כח אויף ווייטער. ווייל מ'טרעפט זיך ביים שורש. פשוט.

### כל מלאכתך עשויה - ס'קומען ארויס אלע כוחות הנפש

צו פארשטיין די זאך וואס קומט דא פאהר. איז דער בעל התניא מסביר אין ליקוטי תורה זייער א

געשמאקע געדאנק, מיט א שיינע משל. לאמיר זאגן א סטאלער, ער גייט מאכן א טיש, א אומן. ער טוהט עפעס א מלאכה. עולם המעשה. ער למעשה האט מורא'דיגע כח החכמה, ער האט כח התענוג, כח הרצון. ער האט כל מיני מידות, ער איז אלעס מצמצם, ער טראכט, ער איז מרכז זיין גאנצע מחשבה ווי אזוי צו מאכן דעם טיש און ער שטייט און ארבעט און ארבעט און ארבעט שווער אויפן טיש. יעצט איז זיין גאנצע חכמה אין טיש, זיינע רצונות אין א טיש, זיין כח התענוג איז אין א טיש. דאס הייסט זיין כח הרצון איז דאך כח פון א וועלט, כח התענוג איז כח פון א וועלט, כח החכמה איז א גאנצע וועלט, אבער יעצט איז ער אלעס אלעס מצמצם אין א קליין עשיה פון מאכן א טיש. די מינוט אבער וואס ער האט געענדיגט מאכן דעם טיש, ער האט אפגעלאזט די ארבעט - אה... העפנט זיך צוריק די כח החכמה אין דער ברייט, זיינע אלע כוחות צושפרייט זיך צוריק אויף דער ברייט ווייל ס'גייט צוריק צום שורש. ער איז שוין נישט מרוכז אין עשיה.

ששת ימי המעשה, מ'איז אין עשיה. איז די אלע כוחות זענען זייער מצומצם אין ענייני עשיה. די מינוט וואס דו לאזט אפ די עשיה, האסט געענדיגט מיט עשיה, גייסטו צוריק צום שורש, פארברייטערט זיך די כח החכמה, פארברייטערט זיך ווייל דו ביסט דעמאלס ארגינעל, דיין חכמה איז נישט מרוכז און מצומצם, די חכמה.

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן שבת אז כל מלאכתך עשויה, און אין דער מינוט וואס דו לאזט אפ דעם עולם העשיה ווערן די כוחות הנפש צוריק, זיי גייען צוריק צום שורש ווי זיי זענען געווען מעיקרו - ארגינעל.

כביכול הקב"ה זעקס טעג האט ער באשאפן די וועלט און ס'איז געווען א בחינה פון עולם העשיה, ווען ס'געקומען שבת - שבת וינפש. ס'האט זיך געענדיגט זיין עשיה. ויכולו השמים והארץ וכל צבאם ויכל אלוקים ביום השביעי את כל מלאכתו אשר עשה, וישבות, גייט יעצט עליית העולמות, מ'גייט צוריק.

און דאס ווערט געשמאק מבואר. ס'דא מחשבה, דיבור ומעשה. דיבור איז שוין א סארט מלאכה, ס'שוין מצומצם. מעשה איז נאך א גרעסערער צמצום. דיבור מיט מעשה איז אסור שבת. מ'טאר נישט מאכן עשיה, מ'טאר נישט רעדן - 'דַּבֵּר דָּבָר'. מחשבה מעג מען, ווייל שבת איז בחינת מחשבה. ס'איז נישט צמצום. און מחשבה - ווייל שבת ביסטו אין עולם המחשבה במידה מסוימת, אזוי ווי מ'האט פריערט מסביר געווען, גייסט צוריק צו דיין ארגינעלע כוחות נישט קיין מצומצם'דיגע כוחות. אינמיטן וואך ביסטו א טיש, דיין חכמה איז מרוכז אין א מעשה, אין עפעס אזא סארט מעשה, ס'ווערט פארברייטערט.

### *בשעת'ן שלאפן חוזר לשרשו*

און יעצט נאך ווען מ'פארשטייט דעם גלאטן פשט, וועט מען פארשטיין די זעלבע זאך דער געדאנק וואס ר' פנחס קאריצ'ער לערנט אונז אויס. פארוואס ווען מ'שטייט אויף נאך א נאכט וואס מ'שלאפט האט מען נייע כוחות? ווי האט מען באקומען נייע כוחות? זאגט ער זייער געשמאק. 'חדשים לבקרים רבה אמונתך', ביי נאכט גייט דער איד צוריק צו זיין שורש. וואס איז דער שורש פון א איד? אמונה. 'כל מצוותך אמונה', 'העמידן על אחת - צדיק באמונתו יחיה', 'אנכי, לא יהיה לך, - שורש כל המצוות'. א מענטש ווען ער לייגט זיך שלאפן וואלט ער געדארפט מורא האבן צו זיך לייגן שלאפן אפשר וועט ער שטארבן? ניין. זאגן אונז אינדערפרי מודה אני לפניך - רבה אמונתך, דו ביסט באגלייבט דו גיבסט אונז צוריק די נשמה. מ'גייט צוריק מיט א נקודת אמונה. און באמת ווען א מענטש שלאפט איז נישטא ביזנס, נישטא געלט, ער גיט אלעס אפ. אינמיטן שלאפן האט דער מענטש גארנישט. חוץ פון א באשעפער האט ער גארנישט. ער נעמט זיין גוף, לייט אים אוועק, לאזט אפ די גאנצע וועלט און גייט צוריק צום שורש. באקומט ער נייע כוחות ווען ער שטייט אויף. דאס איז מסביר דער יסוד ר' פנחס קאריצ'ער.

### *אפי' אין עולם העשייה געדענקען - שהכל נהיה בדברו*

קום עס צאמנעמען וואו אונז זענען, אין דעם שמיטה מיטן יובל מיטן שבת. א איד דארף לעבן געשמאק, נעמען זיין גאנצע בריאה, אראפ נעמען אביסאלע די הענט פון זיין עולם העשיה, אפילו ער טוהט, און ער איז יא אין עולם העשיה אבער געדענקען, אריינשיינען אין דעם, נישט איך טוה, דער אויבערשטער שהכל נהיה בדברו, ער טוהט אלעס. ממילא איז ער אין א בחינה פון שמיטה ויובל און עד כדי כך די גמרא זאגט תלמיד חכם בחינת שבת. דער הערליכער איד איז א גאנצע וואך אביסל א בחינת שבת... ער שמיטה ויובל א גאנץ יאר. ער איז נישט אזוי משועבד צו דעם עולם העשיה, ער איז אביסל העכער. און צדיקים פלעגן זאגן א איד דארף זיין המהלך על כנפי רוח, ער גייט אויפן דער ערד אבער על כנפי רוח זיך אביסאלע דערהויבן.

ממילא זאלן אונז אויכעט זוכה זיין צו קענען מקיים זיין דעם ענין און דער תכלית פון שמיטה ויובל, אונז זאלן דינען דעם אויבערשטן בשמחה ובטוב לבב מרוב כל.

## הללו עבדי ה'

די תורה זאגט אונז די וואכדיגע סדרה: כי עבדי הם לא ימכרו ממכרת עבד. דער לשון איז דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, אזוי ווי איינער לייזט אויס א עבד.

### *א קנעכט אן קיין דעה עצמית*

לאמיר אריינגיין אין דעם מושג וואס הייסט עס 'עבד'. דער פשוט'ער פשט פון עבד איז אז באמת האט ער נישט קיין שום דעה, במידה מסוימת איז ער א בהמה פון דעם בעל-הבית. ער האט נישט קיין בעלות אויף זיך גארנישט, ער קען נישט זאגן ווען ער זאל שלאפן, ווען ער זאל עסן, וואס ער זאל טוהן, וואס ער זאל עסן. קיין שום בעלות נישט. ניט-אמאל זיינע בגדים זענען נישט זיינע.קומט אויס, א עבד איז במידה מסוימת א חפץ, ער איז א שאפע פון דעם בעל-הבית. און באמת א עבד כנעני איז כמעט אזוי.

### *יעדער איד א קנעכט פארן רבש"ע*

זאגט דער אויבערשטער פאר די אידן, די מינוט וואס איך האב אייך ארויסגענומען פון מצרים, דו קענסט שוין קיינמאל נישט אנקומען צו א מצב פון ממכרת עבד. ווייל דו ביסט מיין עבד, און ווי רש"י הק' זאגט: איך האב דיר געקויפט פון פריער, ביסט שוין קודם מיינער. איז חס ושלום א איד ווערט נתגשם, ער לייגט זיך אריין אין גשמיות און ער פראבירט ווערן א עבד פאר די וועלט, פאר די געלט, פאר עולם הזה'ס. ער קען גוטער טעם אין דעם וועט נישט קענען האבן ווייל ער איז באמת דער עבד פון אויבערשטן.

כדי צו דאס פארשטיין געשמאק, איז דא אין מסכתא נדרים א געשמאקע משנה וואס מ'קען עס פארשטיין.

אין משנה שטייט הנודר מן המולין, איינער וואס אסר'ט זיך הנאה האבן פון געמל'טע, טאר ער נישט הנאה האבן אפילו נישט פון א איד וואס ער איז א ערל, ווייל א איד איז א געמל'טער. - דער טייטש פון גע'מל'ט הייסט אז ער קען נישט מאכן תאוות אינגאנצן, דאס איז די הגדרה פון א געמל'עטער. דער טעם פון מילה איז אז ס'זאל נישט זיין קיין שלימות התאוה. ער קען שוין נישט זיין אינגאנצן א בעל תאוה.

לעומת דעם זאגט די משנה אז הנודר פון ערלים איז אפי' א עכו"ם א געמל'עטער הייסט ער נישט קיין געמל'עטער, ער האט א דין פון א ערל, ווייל ער איז יא א בעל תאוה ביזן סוף.

### *א איד קען נישט נתגשם ווערן ביזן סוף*

ממילא, קומט אויס, אז א איד קען זיך נישט נתגשם ווערן אינגאנצן, ער קען נישט ווערן א עבד פאר עולם הזה, דער אויבערשטער האט אונז שוין ארויסגענומען, ער קען נישט, ס'נישט שייך. ווי דער פסוק זאגט "כי עבדי הם לא ימכרו ממכרת עבד", ער קען נישט ווערן א עבד פאר עולם הזה.

און מ'זעהט טאקע אז א איד, ווי נישט ווי, ווי ווייט ער זאל נישט פאלן, ער וועט נישט קענען אנקומען ביזן סוף. און וועגן דעם איז ידוע פון צדיקים, אז א איד ווי נישט ער איז געפאלן זאל ער זיך נישט מייאש זיין, פארוואס? וועסט נישט אנקומען ביזן סוף.

איך פלעג זאגן פאר מיינע תלמידים, א בחור האט אמאל א רתיחת הדמים, ער זוכט עפעס, פלעג איך זיי זאגן, איך זאג אייך צו אז ס'נאך קיינמאל נישט באשאפן געווארן די תאוות וואס איר לויפט נאך. אזוי ווי איינער פארט א טריפ, מ'האט געענדיגט דעם טריפ, ער וויל א צווייטע פארוואס? וואס איז געווען דא דעם טריפ? איך מיין ס'גארנישט אנגעקומען. ער האט תאוות אין זיין כח הדמיון, דער כח התאוה איז מצייר זאכן וואס איז קיינמאל נישט באשאפן געווארן און ער וועט נישט האבן קיין סיפוק הנפש. - בפרט א איד, וואס ווי געזאגט איז ער נישט מגושם, ער קען נישט אנקומען צו שיא הגשמיות, איז תאוה נאר א תאוה, וועסט קיינמאל נישט אנקומען.

### *דאנקען אויפן זוכה זיין צו זיין קנעכט פונעם הייליגן באשעפער*

לאמיר גיין צו דעם נקודת העבודה פאר אונז. א איד דארף צו וויסן אז 'כי עבדי הם', אין אלע מצבים בלייבט מען א עבד ה'. נישט קענען אנטלויפן. און מ'וועט אנהויבן לגבי דעם אנהויב - דו האסט בכלל נישט קיין אייגענע דעה! טאמער ביסט זיין עבד איז דאס טייטש אז דיין דעה איז אלעמאל בטל צום אויבערשטן, צו דו ווילסט און צו דו ווילסט נישט.

לאמיר מקבל זיין די עבדות באהבה, און זיין אמת'ע עבדי ה' און קענען זאגן מיטן פולסטן אמת'דיגקייט 'הללו עבדי ה', הללו את שם ה''. - אזוי הייבט מען אן דעם הלל, מ'איז ארויס פון מצרים, דאס איז דער אשר קדשנו לקרוא את ההלל, הללוי'ה, הללו עבדי ה' הללו את שם ה', יהי שם ה' מבורך. מ'דאנקט דעם אויבערשטן אז אונז האבן זוכה געווען צו זיין עבדי ה'. זאלן אונז טאקע זוכה זיין לעבן בשמחה די נקודת העבודה פון עבודות ה'.

# צוויי מדריגות אין היטן שבת קודש

***את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו אני ה'.***

פרעגט זיך א קשיא, קען נישט שטיין 'את השבת תשמור', וואס איז '**שבתותי**'? וואס איז דאס **ומקדשי 'תיראו'**? פארוואס נישט 'תירא'. וואס איז דער לשון רבים.

### *שבת - ביים קעניג אין שטוב*

מ'קען עס זייער געשמאק פארשטיין מיטן הייליגן זוהר הקדוש. דער זוהר הקדוש לערנט אונז אז שבת נעמט דער אויבערשטער אונז צו אים. אזוי ווי אונז זאגן ביי 'אתקינו סעודתא' - וואס דער אר"י הקדוש האט מתקן געווען - 'דא היא סעודתא דמלכא' - ס'איז א סעודה פון מלך. קומט אויס אז שבת זענען אונז אין שטוב פון קיסר, דער קיסר נעמט אונז אריין צו אים אין שטוב.

וועט א מענטש טראכט, אה, ס'איז א שטוב פון קיסר ווערן די געפילן פון אהבה ערוואקט ביי אים, מ'רופט עס מ'לעבט אין עולם אהבה, און ממילא ווערט שוואכער די יראה, אזוי איז דער טבע האדם. אויף דעם קומט די תורה און זאגט אן: ניין, ניין, ניין. 'ומקדשי תיראו'. ביסט טאקע אין מקדש פון אויבערשטן' ביסט געקומען אין אויבערשטן'ס שטוב אבער האב מורא. דאס איז גלאט.

### *יראה תתאה און יראת הרוממות*

נאך מער, 'שבתותי' איז צוויי שבתים. ס'איז דא צוויי מושגים ביי א אידן שבת און ס'איז דא צוויי מושגים פון יראה. ס'דא איינער ער היט שבת, און ביי זיך אין הארץ טראכט ער: 'פארפאלן דער אויבערשטער לאזט נישט טוהן'. ער איז געצוואונגען במידה מסוימת, מ'מוז היטן שבת, ער האט נישט קיין עונג, ער האט נישט קיין תענוג, ער איז צוגעוואוינט שבת טאר מען נישט טוהן קיין מלאכה. ער טראכט זיך ביי אים: ווען איך וואלט געקענט עפעס מאכן עפעס געלט וואלט נישט געשאדט, אבער שוין, די תורה לאזט נישט. ער האט אזא סארט יראה פארן אויבערשטן.

די יראה רופט זיך יראת העונש, ער וויל נישט כאפן פעטש. אבער צו ער האט צופיל אהבה? נישט אזוי שטארק.

און איינער ווען ס'איז דא א סארט שבת, ישמחו במלכותך, אה! פריידט זיך, ער איז אין בית המלך כל מלאכתך עשויה, כלום חסר בבית המלך? עפעס פעלט ביים אויבערשטן? מ'טאר נישט מאכן קיין מלאכה ווייל דו ביסט ביים קעניג אין שטוב, קענסט גארנישט, נישטא קיין עשיה.

דער איד האט א אנדער סארט יראה, ס'ווערט גערופן יראת הרוממות, א דערהויבענע יראה. ממילא 'ואת **שבתותי** תשמורו', ס'איז דא אזא סארט שבת, און אזא סארט שבת, ס'דא צוויי שבתים, ממה נפשך זאלסטו היטן שבת.

די זעלבע זאך, ומקדשי תיראו, דער הייליגער שבת דארף האבן א יראה. איז א מענטש זוכה האט ער יראת הרוממות, ס'איז א געשמאקע יראה. אבער לאו כל אדם זוכה א קינד, אמאל א איד וואס ער איז נאכנישט אין די מדריגה ס'וועט אמאל אנקומען צו די מדריגה, מתוך שלא לשמה בא לשמה, אבער דערווייל איז ער נאכנישט דארט, איז ווייטער דא 'תיראו', יראת העונש. ס'דא צוויי סארטן 'שבתותי', ס'דא צוויי סארטן 'תיראו'.

### *דאווענען צו צוקומען צו די הויכע מדריגה*

וואס ס'נוגע למעשה, נישט אלעמאל שטייט מען אין די מדריגה פון 'ישמחו במלכותך'. נישט אלעמאל שטייט מען אין יראת הרוממות, אבער א איד וואס ער ווייסט אז ס'איז דא אזא זאך שטרעבט ער צו אנקומען צו דעם, אפילו אונז שטייען נאכנישט דארט. אבער מתפלל זיין, בעטן דעם אויבערשטן אונז זאלן זוכה זיין צו די מדריגה פון שבת, די זיסקייט פון שבת, מ'וועט אויספועל'ן א געשמאקער שבת וועט מען אויך באקומען יראת הרוממות און די זיסקייט פון דעם שבת. פאסט סיי דער לשון 'שבתותי' דעם אויבערשטן'ס אזוי ווי מ'האט פריערט געזאגט צו דעם אויבערשטן'ס שבת, וואס הייסט א לשון רבים ס'איז צוויי סארטן שבתות, און תיראו אז ס'דא צוויי סארטן מורא האבן.

דער אויבערשטער זאהל טאקע העלפן אונז זאלן זוכה זיין צו די אלע גוטע מדריגות וואס מ'רעדט יעצט.

# פרשת בחוקותי - הכנה און סבלנות

אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמורו ועשיתם אותם. און די באוואוסטע ווערטער פון חכמינו ז"ל וואס רש"י הק' ברענגט אראפ **"שתהיו עמלים בתורה"**.

### *הליכה און שמירה - אמצעי, עשיה - א מטרה*

אויף די וועלט איז דער מושג פון גיין - '**תלכו**' - אלעמאל א אמצעי. ס'איז נישט קיין מטרה. א מענטש גייט צום דאווענען, ס'איז נישט דער דאווענען אליין ס'איז נאר א אמצעי אנקומען צום דאווענען. ער גייט צו זיין ביזנעס, ס'איז נישט די ביזנעס אליין נאר א אמצעי צו דעם. ער גייט צו א חתונה, גייט אין גראסערי, ווי ער וועט גיין, דער גיין איז נאר א אמצעי. ס'איז א זאך וואס ברענגט צו צו א זאך. אבער ס'איז נישט די זאך אליין.

די זעלבע זאך א שומר - **ואת מצוותי תשמרו** - ס'איז נישט די זאך אליין. ער גיט אכטונג אויף א זאך. צו א שומר וועט זיין איינער וואס ווארט, שמר את הדבר, ער ווארט אויף א זאך. ס'איז נישט די זאך אליין.

עשיה, **ועשיתם אותם**, דאס איז די זאך אליין. ער טוהט די זאך.

### משקיע זיין אין די אמצעים

אין די היינטיגע וועלט וואס אלעס לויפט, זאגט א נארמאלער מענטש פארן רב, צו פאר זיין רבי, לערן מיר אויס שאקלען לולב אין פארטיג. - אסאך מענטשן פרעגן וואס איז די הכנה ביזן דאווענען, ביזן לערנען, די אלע סארטן זאכן פון זיך צוגרייטן, מאכט די זאך אליין. און א מענטש בטבע, די עשיה איז אים אסאך גרינגער, ער איז מרוכז, ער טוהט די זאך, ער שפירט ער טוהט עפעס אויף, גענומען, געמאכט. ס'איז נישט לופט.

ביי די אמצעים פארלירט א מענטש די געדולד. נאך מער, אינמיטן די עשיה טאמער עפעס קלאפט שוין נישט און ער דארף ווארטן צען מינוט, ער גייט שוין ארויס פון די געדולד. ווען ער וואלט געארבעט צוויי שעה נאכאנאנד איז אים בכלל נישט שווער. אינמיטן צען מינוט איז ער געבליבן ווארטן, ס'איז נישט געגאנגען ווי ער האט געוואלט, ער איז שוין אינדרויסן פון די כלים. וואס האט פאסירט? און ער האט עס געענדיגט נאך א האלבע שעה. למעשה האט ער געארבעט אסאך ווינציגערער צייט. אבער דער מציאות איז, עשיה גייט.

וואס איז דא די נקודה? די תורה זאגט וויסט צוקומען צו א אמת'ע עשיה? ס'גייט נישט נאר עשיה, ס'איז דא א "תלכו" - הליכה איין אמצעי, ס'איז דא אזא "תשמרו" - נאך א אמצעי. שמירה, שמירה איז אויכעט ווארטן. און נאר דערנאך וועסטו צוקומען 'ועשיתם אותם'.

### אין רוחניות נישטא קיין אמצעים

אבער א וויכטיגע נקודה וואס מ'מוז צולייגן אז אין עבודת ה' איז נישטא קיין אמצעי. אזוי ווי ביי כביכול הקב"ה ביי אים איז נישטא אזא זאך אמצעי, אלעס איז די מטרה אליין, אין רוחניות איז נישטא אמצעים.

די אלע זאכן וואס אין גשמיות איז 'תלכו' און 'תשמורו' וועט ווערן אויף 'ועשיתם אותם', ס'וועט ווערן א עשיה. ווייל דער גיין אין שול דאס אליין איז שוין די עשיה. לגבי דעם דאווענען איז דאס נאר א אמצעי, אבער אין עבודת ה' אין רוחניות - איז יעדע ריר וואס ס'איז נאר הכנה פון די מצוה איז שוין דא אויף דעם א עקסטערער שיעור אז גאר די הכנה פון מצוה איז גרעסער ווי די מצוה ווייל דאס איז דער מקום הבחירה, א מלאך האט אויכעט עשיות. א מלאך האט אבער נישט קיין הכנה פון א מצוה. הכנה איז דער מקום הבחירה דער פלאץ וואס ער טשעפעט זיך אפ פון די עולם הזה, און ער טשעפעט זיך צו צו אשר קדשנו במצוותיו, דער מקום הבחירה איז די הכנה, די הליכה, דער וועג.

קומט אויס אז דער מענטש נעמט דער 'תלכו' מיטן 'תשמרו' - די אמצעים, און ער מאכט עס אויף ועשיתם אותם, ער דרייט עס איבער אויף ועשיתם אותם. - א מענטש זאל נישט מזלזל זיין אויף א הכנה פון א מצוה, ווייל דער תלכו און דער שמרתם דאס איז ועשיתם אותם, ס'שוין עשיית המצוה, ס'שוין דער תענוג ונחת און ס'שוין די מטרה ביי כביכול הקב"ה.

ממילא א איד האט געוואלט טוהן א מצוה און ער האט געטוהן אלע פעולות, ונאנס ולא עשהו, מעלין עליו כאילו עשהו, דער חלק איז דער זיכער, די גאנצע הכנה איז שוין עשיה, און צו דער צו איז דא אויף דעם א גאנצער שיעור וואס איז פארוואס מעלין עליו כאילו עשהו. אבער די אלע זאכן די הכנות מיט די רצונות מיט די אלע גוטע זאכן איז שוין א עשיה של מצוה, ווייל אין רוחניות איז נישטא אמצעים ס'דא די מטרה אליין.

### הכנה צו א מצוה און סבלנות אויכט א מטרה

מיין זיידע ר' חיים הערש פלעגט זאגן פשט אויף די משנה: חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללים כדי שיכוונו לבם צום דאווענען. פלעגט ער פרעגן ס'וואלט געדארפט שטיין אנדערש - היו שוהין שעה אחת, ומכוונים לבם ומתפללים. נישט ומתפללים כדי שיכוונו לבם - ביים דאווענען. פלעגט ער זאגן אז וואס האבן זיי געטוהן אין שעה אחת - ומתפללין כדי שיכוונו לבם. זיי האבן מתפלל געווען, דאס הייסט זיי האבן געמאכט א הכנה צום דאווענען, זיי האבן געדאווענט, די הכנה פון דאווענען איז געווען א תפילה אז זיי זאלן זוכה זיין צו דאווענען.

די זעלבע זאך א איד ווען ער גרייט זיך צו צו א מצוה, מיט סבלנות, פאר די מעשה, בשעת די מעשה, האבן סבלנות פאר א מצוה און סבלנות צו תורה. אסאך מאל דער לערנען אליין נאך א בלאט, נאך א שטיקל, ס'געשמאק. אבער אמאל מ'בלייבט מיט א קשיא און ביז ווען מ'טרעפט דעם תירוץ, ס'ווערט צייט וואס קוקט אויס ס'איז נישט. ס'גייט נישט. האבן סבלנות און צוקומען צו די זאך, איז דאס איז מסוגל צו ועשיתם אותם, מיט די אלע ברכות וואס ס'שטייט דא אין בחוקותי. דער סבלנות און דער ווארטן צו א מצוה דאס ברענגט מורא'דיג צו נתקרב ווערן צו 'ועשיתם אותם'.

במאמר מוסגר, א ווערטל וואס איך זאגן שוין פאר יארן צוריק. ווען איך בין געווען א קינד האבן מיר מיינע עלטערן מיר געלערנט נישט עסן פרישע ברויט, עסן נעכטיגע ברויט, ס'נישט געזונט. פלעג איך זיי זאגן שטייט אין פסוק ואכלתם ישן נושן, וואס א ברכה איז צו עסן אלטע ברויט? ס'איז אויכעט א ברכה? עסן אלטע ברויט? פלעג איך זיי זאגן אז טאמער וואס שטייט דא ואכלתם ישן נושן, א איד וואס בחוקותי תלכו, ער לערנט ער דאוונט זיין קאפ איז אין העכערס איז אים גוט אויך נעכטיגע ברויט. בטבע א קינד, א מענטש האט ליב פרישע ברויט. אבער א הערליכער איד - ואכלתם ישן נושן, ער קען אויך עסן נעכטיגע ברויט, ער איז נישט אזא בעל תאוה. אזוי פלעג איך זיי זאגן אלעמאל. ס'איז א מליצה ואכלתם ישן נושן ס'געזונט בגוף ובנפש. נישט זיין אזוי אין תאות האכילה. דאס איז א ווערטל.

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן זוכה זיין טאקע צו לעבן אין די נקודה פון בחוקתי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם. איז דער טייטש די הליכה, די שמירה די הכנה פון די מצוה די געדולד צו די מצוה וועלן אונז באמת זוכה צו ועשיתם אותם.


טעמו וראו כי טוב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

טל: 050-417-0448

א פרייליכע מעלדונג

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1